**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נאענט צו 90 מיליאן דאלאר צו ערזעצן בלייענע רערן און באשיצן טרונקען וואסער אריבער ניו יארק

***שטיצט פובליק געזונטהייט און וואסער אינפראסטרוקטור אין היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נאענט צו 90 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענטס געשאנקען פאר קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט צו פארבעסערן זייער טרונקען וואסער אינפראסטרוקטור דורכן אידענטיפיצירן און ערזעצן בלייענע רערן. די פינאנצירונג ווייזט ארויס די סטעיט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די פובליק געזונטהייט און טרונקען וואסער פאר ניו יארקער.

"ווען עס קומט צו ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור, זענען מיר פארנומען מיטן ארויסנעמען די בליי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "האלטן ניו יארקער זיכער איז מיין הויפט פריאריטעט — און דורכן גיבן פאר קאמיוניטיס די שטיצע וואס איז נויטיג צו ערזעצן בלייענע רערן, טוהען מיר העלפן אפהיטן עפנטליכע טרונקען וואסער פאר פילע קומענדיגע דורות."

בליי איז שענדליך צו א מענטש'ס געזונטהייט און קען זיך ארייננבאקומען אין טרינקען-וואסער ווען פלאמינג מאטריאלן וואס האבן בליי צוברעקלען זיך, ספעציעל וואס די וואסער האט הויכע אסידיטי אדער ענטהאלט א נידריגע צאל פון מינעראלן וואס צוברעכן רערן און פיקסטשורס. די מערסט-באקאנטע קוועלער פון בליי אין טרינקען-וואסער זענען בלייענע רערן, קראנען, און פיקסטשורס. אין היימען מיט בליי רערן וואס פארבינדט די היים צו די צענטראלע וואסער, אויך באקאנט אלס בליי סערוויס ליניעס, זענען די רערן רוב מאל די מערסטע באדייטנדע קוואל פון בליי אין די וואסער. בלייענע רערן זענען מער ווארשיינליך צו געפונען ווערן אין עלטערע שטעט און אין היימער וואס זענען געבויט געווארן בעפאר 1986.

די סטעיט פינאנצירונג וואס איז היינט געשאנקען געווארן וועט גענוצט ווערן דורך לאקאלע רעגירונגען צו העלפן דעקן די קאסטן פון בלייענע רערן ערזעצונג פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג פון דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law, BIL) אבער מיט קאסטן וואס זענען נישט אינגאנצן געדעקט געווארן דורך די BIL גרענטס. די פינאנצירונג קומט אין צוגאב צו פינאנצירונג וואס איז שוין צוגעטיילט געווארן דורך די BIL און דורך די סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם. די פרעצעדענטלאזע שריט נעמט אראפ פינאנציעלע דרוק פון קאמיוניטיס, זיי ערלויבנדיג צו ערזעצן מער בלייענע רערן אן דעם וואס נאך קאסטן זאלן זיך אנהויפענען. די סטעיט'ס ארומנעמיגע צוגאנג זעצט פאר צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס די מיטלען וואס זיי דארפן צו פארבעסערן זייער וואסער אינפראסטרוקטור.

די סטעיט פינאנצירונג וואס איז היינט געשאנקען געווארן איז אויך ספעציפיש געציהלט פאר היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס. די גרענטס גיבן דין קדימה פאר קאמיוניטיס וואס קומען נאך איינס אדער מער פון די פאלגנדע תנאים:

- די מיטלגארטיגע הויזגעזונד איינקונפט אין די קאמיוניטי איז ווייניגער פון 80 פראצענט פון די ראיאניש-צוגעפאסטע סטעיט-ברייטע מיטגלארטיגע הויזגעזונד איינקונפט
- די קאמיוניטי'ס לאקאלע ארימקייט ראטע איז העכער פון די סטעיט-ברייטע ארימקייט ראטע
- צום ווייניגסטנס 50 פראצענט פון די קאמיוניטי'ס בלייענע רערן פראיעקט באדינט א קאמיוניטי וואס באקומט פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט

**א ליסטע פון קאמיוניטיס וואס באקומען די גרענטס זענען ווי פאלגנד:**

- ניו יארק סיטי (בראנקס, ברוקלין און קווינס), $28,000,000
- סיטי אָוו ראטשעסטער, $28,000,000
- סיטי אָוו סירעקיוּס, $12,756,047
- ווילעדזש אָוו הערקימער, $3,962,616
- סיטי אָוו אלבאני, $3,859,328
- סיטי אָוו טראָי, $3,846,900
- Gloversville Water Works, $2,310,445
- ווילעדזש אָוו איליאן, $1,221,477
- ווילעדזש אָוו אגדענסבורג, $688,300
- ווילעדזש אָוו בעט, $468,300
- ווילעדזש אָוו קעטסקיל, $106,545

אין צוגאב, באנוצט זיך די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט מיט 1 מיליאן דאלאר פון BIL געלטער צו צושטעלן אינדזשענירונג און טעכנישע הילף פאר די אידענטיפיצירונג פון בלייענע רערן אין 10 קאמיוניטיס. די סטעיט איז אריין אין קאנטראקט מיט אינדזשענירונג פירמעס צו צושטעלן הילף, אריינרעכענענדיג מיט פארוואלטונג פון מאטעריאלן, איבערקוקן רעקארדס, ארבעטן מיט די פובליקום און אנדערע שטיצע. די קאמיוניטיס וואס באקומען די הילף רעכענערן אריין:

- Clayton
- Diana
- Lake Luzerne
- New Berlin
- Sackets Harbor
- Kinderhook
- Millerton
- New Paltz
- Ravena
- Rutland

**סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די צוגאבליכע סטעיט פינאנצירונג ווייזט ארויס די אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פון גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט צו היטן אויף די טרונקען וואסער פון אלע ניו יארקער דורכן עלימינירן בלייענע וואסער ליפערונג רערן. צוטריט צו זיכערע און ריינע וואסער איז פונדאמענטאל פאר גוטע געזונטהייט, און ניו יארק איז פארפליכטעט צו אוועקנעמען געזונטהייט אומגלייכקייטן דורך געציהלטע פינאנצירונג פאר באזייטיגטע קאמיוניטיס כדי מיר זאלן אלע צוגעשטעלט ווערן די זעלבע רעכט."

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט ( Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "ארויסנעמען די בליי פון אונזער טרונקען וואסער פלוס איז א פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, ארבעט די EFC און אונזערע שותפים אין פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס אריבער ניו יארק באקומען די פינאנציעלע שטיצע וואס זיי דארפן צו אונטערנעמען קריטישע בלייענע רערן ערזעצונג פראיעקטן אן ארויפלייגן צו א גרויסע לאסט אויף די לאקאלע יוטיליטי באניצער."

ניו יארק סטעיט'ס בלייענע רערן ערזעצונג פראגראם האט אינוועסטירט 30 מיליאן דאלער צו אידענטיפיצירן און ערזעצן בלייענע רערן אריבער די סטעיט. ביז היינט איז 22 מיליאן דאלער שוין אויסגעגעבן געווארן דורך דעם פראגראם ערזעצנדיג 3,439 בלייענע רערן אין ניו יארק.

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט $500 מיליאן אריבערגעלייגט צו ריינע וואסער אינפעסטרוקטור אין די פיסקל יאר 2025 אינאקטעד בודשעט געמאלדן דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017 און די יאר. גאווערנער האקול'ס איניציאטיוון פון איר 'סטעיט אַוו די סטעיט' רעדע העלפן פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מאכן זיכער אז קאמיוניטיס קענען אויסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארמערט WIAA טיילונגען פאר אפלויף וואסער פראיעקטן פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קלענערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף [https://efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווייַלער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון געלטער אונטער די ענווייראנמענטל באנד אקט איז געגעבן געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנאר האקול האט געמאלדן $479 מיליאן אין שענקונגען צו 156 פראיעקטן איבער די סטעיט, אריינגערעכנט 309 מיליאן דאלער געבערענגט געווארן צו פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

**איבער די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ און בליי סערוויס ליניע ערזעצונג געלטער**
פרעזידענט ביידן'ס <u>אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ</u> אינוועסטירט א היסטארישע 15 ביליאן דאלאר אריבער דאס לאנד צו אידענטיפיצירן און ערזעצן בלייענע רערן. די געזעץ פראקלאמירט אז 49 פראצענט פון DWSRF LSLR געלטער מוז ווערן געגעבן אלס טיילונגען אדער אויסגעבארגטע געלט וועט נישט מוזן באצאלט ווערן (אדער נישט אינגאנצן) אין פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס, א קריטישע

אינוועסטמענט וואס מען האט נישט געזען אינוועסטירט דעריין שוין פאר צו לאנג. EPA זעט פאר א סך הכל פון 9 מיליאן בליי סערוויס ליניעס לענגאויס די קאונטי, באזירט אויף דאטא וואס איז צאמגענומען געווארן פון די אפדעיטעד טרינקען-וואסער אינפעסטרוקטור געברויכן סורוועי און אפשאצונג. די געלטער וועלן געגעבן ווערן ספעציעל צו אידענטיפעצירן און אוועקנעמען בליי סערוויס ליניעס און וועט העלפן ניו יארק געבן געלט פאר פראיעקטן אוועקצונעמען בליי רערן און פארמינערן דאס זיין אויסגעשטעלט צו בליי פון טרינקען-וואסער. צו פארזיכערן אז געלטער ווערן גענוצט פאר בליי סערוויס פארבינדענע אקטיוויטעטן אין די שטעט וואס דארפן עס די מערסטע, זענען LSLR צוטיילונגען באזירט אויף געברויך - דאס מיינט אז שטעט וואס מען זעט מער בליי סערוויס ליניעס באקומען מער LSLR געלטער לויט וויפיל זיי דארפן.

**EPA ראיאנישע אדמיניסטראטארין, ליסא עף. גארסיע, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן בליי-פרייע וואסער ווען זיי צינדען אן זייער קראן, און די גרויסארטיגע איינשפריץ פון פינאנצירונג אין ניו יארק טוט פארשטערקערן די ארבעט צו ערזעצן בלייענע רערן און מאכן טרונקען וואסער זיכערער אריבער די סטעיט. די EPA און ניו יארק מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען וואס ווערן פיל באררייכערט דורך די פרעצעדענטלאזע פינאנצירונג פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ. די פינאנצירונג טוט בעסער אויסשטאטן קאמיוניטיס צו ערזעצן בלייענע רערן צו באשיצן אונזערע קינדער און פארזיכערן פובליק געזונטהייט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "איך בין געשטאנען אין שפיץ פונעם קאמף מיט דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ צו אהערשטעלן די פינאנצירונג צו עלימינירן בליי, וויל קיין שום מאס פון זיין אויסגעשטעלט צו גיפטיגע בליי איז נישט זיכער פאר אונזערע קינדער. יעצט, טוהען נאענט צו 90 מיליאן דאלאר פלוסן צו אידענטיפיצירן און ערזעצן פאטענציאל-גיפטיגע בלייענע רערן אריבער די סטעיט, פון ראטשעסטער ביז סירעקיוּס. עס איז נישטא גארנישט וויכטיגער פון האלטן ניו יארקע טרונקען וואסער זיכער פאר אונזערע קינדער און פאמיליעס. איך וועל פארזעצן צו עלימינירן בלייענע רערן אין ניו יארק."

**קאנגרעספרוי ניידיע מ. וועלאזקעז האט געזאגט,** "יעדער ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער זיפּ קאוד, דארף האבן צוטריט צו זיכערע און ריינע וואסער. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג צו אידענטיפיצירן און ערזעצן מער בלייענע וואסער רערן, וואס וועט העלפן באשיצן אונזערע קאמיוניטיס."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "וויסנשאפט זאגט אונז אז עס איז נישטא קיין זיכערע שטאפל פון זיין אויסגעשטעלט צו בליי, און דאך בלייבן מיליאנען בלייענע רערן אין אפעראציע, ברענגענדיג פארפעסטיגטע טרונקען וואסער צו פאמיליעס. צו אונזער פרייד, האט קאנגרעס אונטערגענומען שטארקע שריט אונטער דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ צו גענצליך איבערמאכן אונזערע טרונקען וואסער סיסטעמען און ערזעצן בלייענע רערן אריבער אונזער סטעיט און לאנד. איך בין שטאלץ מיט אונזערע באמיאונגען צו אריבערפירן דעם טראנספארמאטיוון געזעץ, און איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן מער פון 8 מיליאן דאלאר פון צוגאבליכע אינוועסטירונגען ווערנדיג געשיקט צו אונזער הויפטשטאט ראיאן. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו גיבן פריאריטעט פאר די סטעיט'ס באמיאונגען צו ארויסנעמען די בליי פון אונזערע וואסער סיסטעמען. גייענדיג אויף פאראויס, בלייב איך פארפליכטעט צו מקיים זיין אונזער מיסיע צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער ווייסט אז די וואסער פון זייער קראן איז ריין און זיכער."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדן צו האבן א רואיגע געוויסן, וויסנדיג אז זייער וואסער איז זיכער צו טרונקען און פריי פון בליי און פון אונזערע שעדליכע פארפעסטיגנדע מאטעריאלן. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן אהערשטעלן די פינאנצירונג דורך דעם

*אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ*, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס פארבעסערן אונזערע וואסער סיסטעמען און האלטן פאמיליעס זיכער. איך קוק ארויס צו ארויפבויען אויף די 28 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און צו אונטערנעמען שריט אין קאנגרעס צו באשיצן צוטריט צו ריינע וואסער און צו היטן אויף אונזער סביבה פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן ריטשי טאָרעס האט געזאגט,** "איך שטיץ פון די גאנצע הארץ גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן אונזער סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור דורכן אדרעסירן די געפארפולע אנוועזנהייט פון בליי אין אונזערע טרונקען וואסער סיסטעמען. די 28 מיליאן דאלאר וואס איז דעזיגנירט פאר ניו יארק סיטי, אריינרעכענענדיג די בראנקס, וועט האבן א טיפע השפעה צו באשיצן די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע איינוואוינער, באזונדערס אין קאמיוניטיס וואס זענען פארנאכלעסיגט געווארן פאר צו לאנג. דאס רעדט זיך פון מער פון בלוי רערן — עס רעדט זיך פון דאס פארזיכערן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, רעדוצירן געזונטהייט אומגלייכקייטן און אינוועסטירן אין די צוקונפט פון אונזערע געגנטער. ריינע וואסער איז א רעכט, נישט קיין פריווילעגיע."

**סירעקיוּס מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "מיט ניו יארק סטעיט'ס הילף, טוט סירעקיוּס אונטערנעמען פאראויסיגע שריט צו פארענדיגן בלייענע וואסער רערן ערזעצונגען מיט אן אגרעסיווע שנעלקייט. מיר וועלן ערזעצן בלייענע רערן אויף בערך 1,000 פראפערטיס דאס יאר. מיט די צוגעלייגטע 12.7 מיליאן דאלאר און פראיעקטן וואס מיר האבן שוין פלאנירט פארן קומענדיגן יאר, וועלן מיר קענען עלימינירן בלייענע רערן ביי נאך מער פון 3,000 היימער אין די שטאט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן לייגן פריאריטעט אויף טרונקען וואסער קוואליטעט און פארן זיך אפרופן צו העלפן סירעקיוּס פארגרעסערן די צאל בלייענע רערן וואס מיר ערזעצן."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען די גאווערנער און ניו יארק סטעיט פאר די פארגעזעצטע אינוועסטירונג צו ערזעצן בלייענע רערן און פארזיכערן זיכערע טרונקען וואסער פאר אלע ניו יארקער. די סיטי אָוו אלבאני וואסער דעפארטמענט ארבעט שוין פאר יארן צו ערזעצן די פארפעסטיגטע רערן, און מיר מאכן גרויסע פארשריט, אבער עס איז א קאסטליכע אונטערנעמונג. נאך געלטער פון די סטעיט וועלן שפילן א הויפט ראלע צו פארזיכערן אז די ארבעט גייט אן און אז מיר ברענגען ריינע און זיכערע טרונקען וואסער פאר אונזערע איינוואוינער."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. עוואנס האט געזאגט,** "די סיטי אָוו ראטשעסטער'ס וואסער ביורא מאכט באדייטנדע פארשריט אויף אונזער בלייענע רער ערזעצונגען און זאפאסן, א דאנק די שטארקע שותפות'ן וואס מיר האבן מיט אונזערע פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע שותפים. די געלטער פון ניו יארק סטעיט וועלן זיכער מאכן אז די שטאט רעגירונג קען אפפערן אומזיסטע ערזעצונג פון בלייענע און זינק-באדעקטע שטאלענע רערן פון די גאס אריין צו פריוואטע היימער, אונז ערלויבנדיג זיך צו נעמען מיט אן אגרעסיווע שנעלקייט צו זושטעלן די זיכערסטע טרונקען וואסער פאר יעדער איינוואוינער, אפגעזעהן פון זייער זיפ קאוד. גאווערנער האקול איז שוין פון לאנג א קעמפערין פאר ראטשעסטער און פאר אונזער ראיאן, און מיר זענען דאנקבאר פאר איר פארגעזעצטע שטיצע."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איבער א הלוואה פארגעבונג פראגראם פאר בלייענע רערן ערזעצונג איז א גרויסע געווינס פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. יעצט דארפן די היים אייגנטימער – וואס געפונען זיך אין שוואכערע קאמיוניטיס און ווען'ס פּראפערטיס זענען געפלאגט געווארן פון בלייענע רערן בוכשטאבליך פאר דורות – נישט אויך טראגן די פינאנציעלע לאסט פון זיי ארויסנעמען. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אוועקשטעלן די וויכטיגע פרעצעדענט, און מיר לויבן אויס איר איבערגעגעבנקייט צו די פובליק געזונטהייט."

**Sierra Club Atlantic Chapter אפהיטונג מענעדזשער, קעיטלין פעראנטי, האט געזאגט,** "קיין שום שטאפל פון זיין אויסגעשטעלט צו בליי איז נישט זיכער. אפילו אין נידעריגע מאסן קען דאס זיין אויסגעשטעלט צו בליי זיין גאר געפארפול פאר אלע מענטשן, אבער באזונדערס פאר קינדער וואס אנטוויקלען זיך נאך און פאר טראגעדיגע פרויען. בלייענע רערן (lead service line, LSL) זענען א מקור וואס שטעלט אויס צו בליי וואס קען גרינגערהייט אוועקגענומען ווערן. די Sierra Club Atlantic Chapter אפלאדירט גאווערנער האקול פארן גיבן פריאריטעט צו פינאנצירן די אידענטיפיצירונג און אוועקנעמונג פון LSL'o אין אן אונטערנעמונג צו פארמיידן וואסער קריזיסן און פובליק געזונטהייט קאטאסטראפעס אין קאמיוניטיס אריבער NYS."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן